הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל״ט
ספה״ק **מאור עינים** (בראשית)

| יום | מד״ה |
|---|---|
| ראשון | ולכן כל מדה שמודד |
| שני | וזהו שאמר ומברכותיהן |
| שלישי | ולכך אמרו רבותינו |
| רביעי | מה שאין כן הבא |
| חמישי | אך להבין מאחר עד ד״ה שעל כן אמר |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

# יחידהל

אין אידיש
גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע״פ משנת הבעש״ט הק׳ ותלמידיו
פרשת ויחי תשפ״ד / גליון ס״ט

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד׳ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אירופה
033.0551.7811
"היכל המרכזי" אין נומער 9
אפטיילונג אויף ימי השובבי״ם
אין נומער 30

## חסיד׳יש גערעדט
### א חסידי׳שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# כאפרים וכמנשה

### ביים איד וואוינט דער עושר און ארימאן אין איין געגנט, מען דאוונט אין איין בית המדרש און מען טובל׳ט זיך אין איין מקוה

לאמיר אנהייבן מיט א מעשה - וועלכע האט פאסירט און האלט אין איין פאסירן - מיט צוויי אינגעלייט חברים: אהרן איז באשאנקען געווארן מיט געבענטשטע טאלאנטן, ער פארשטייט זייער גוט אין לערנען, ער האט גוט חתונה געהאט און האט אפילו באקומען א דירה אויף דער חתונה. ער האט זוכה געווען צו באַ׳טעמ׳טע קינדער. אויך האט ער געהאט א פאר דאלער אין דער זייט וואס ער האט אינוועסטירט אין ריעל-עסטעיט, ווען צו דער זעלבער צייט שטייגט ער ווייטער אין תורה. און ׳כתר שם טוב עולה על גביהן׳: זיין גוטער נאמען גייט פאר אים, און אומעטום האט מען דרך ארץ פאר אים.

אשר האט אביסל אן אנדערע מעשה ער איז נישט דער גרעסטער בעל כשרון, ער האט נישט אזוי ווייט מצליח געווען אין לערנען. ער האט נישט אזוי גוט חתונה געהאט. ער וואוינט אין א געדינגענע דירה - צאלנדיג א פעטן רענט יעדן חודש. ער האט דערווייל נאכאלץ נישט זוכה געווען געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, און צו דעם מוטשעט ער זיך אויף פרנסה. נישטא אויף זיין ליסטע קיין ריעל-עסטעיט, קיין שטייגן אין תורה, און ווער רעדט בכלל פון א גוטן נאמען? בקיצור: גוט אויסגעשפילט!

אבער אזוי אינטערעסאנט: אנשטאט די צוויי זאלן זיין צוקריגט פון גרויס קנאה און שנאה, איז ממש פארקערט! די צוויי זענען גאר גוטע און הארציגע חברים וועלכע האבן זיך ליב בלב ובנפש. וויאזוי קען דאס טאקע זיין? וויאזוי שפירט זיך נישט אשר צוקלאפט פון אהרן׳ס הצלחות? דער ענטפער ליגט באהאלטן אין ׳ברכת הבנים׳ פון פרייטאג צונאכט.

## דער תמצית פון די גאנצע תורה: ׳לא תחמוד׳

שוין טויזנטער יארן וואס אידן בענטשן זייערע קינדער יעדן שבת, אז זיי זאלן אויסוואקסן ווי אפרים און מנשה.

דער הייליגער בני יששכר זי״ע (זיין יארצייט געפאלט דעם שב״ק) אין זיין ספר אגרא דכלה, פרעגט א שאלה - וועלכע קומט באמת ארויף ביי יעדן אין קאפ: פארוואס דוקא אפרים און מנשה? יעקב אבינו האט טאקע געשטעלט אפרים און מנשה אינעם זעלבן שטאפל ווי ראובן, שמעון און די אנדערע שבטים, אבער מען וואלט נאכאלץ געקענט וואונטשן די קינדער בכלליות: אז זיי זאלן זיין ווי די שבטי קה.

אן אנדערע שאלה: פארוואס האט יעקב אבינו געמוזט ארויסהייבן דעם חשיבות פון אפרים איבער מנשה - כדי אים צו בענטשן? איז דען נישט שייך צו געבן א ברכה אן אריינגיין אין ווער איז מער און ווער איז ווייניגער?

ענטפערט דער ׳בני יששכר׳: "הַנִּרְאֶה דְּהִנֵּה יָדוּעַ, כָּל הַתּוֹרָה כְּלוּלָה בַּעֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, וַעֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת כְּלוּלִים בְּדִבּוּר הָאַחֲרוֹן הוּא ׳לֹא תַחְמֹד וכו׳ וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ׳". אויב ליגט די גאנצע תורה אין די ׳עשרת הדברות׳, און גאנץ ׳עשרת הדברות׳ ליגט אין די אונטערשטע שורה פון ׳לא תחמוד׳, נו, קומט אויס, אז דער דיבור פון ׳ל-א ת-ח-מ-ו-ד׳ איז דער סענס פון דער גאנצער תורה!

וואס איז אזוי יסודות׳דיג מיט דעם ׳לא תחמוד׳? "וְהוּא לְהִתְרַצּוֹת בִּגְזֵרוֹתָיו יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר מָנַע מִמֶּנּוּ הַטּוֹב הַהוּא הַנִּתָּן לַחֲבֵרוֹ, וְלַחֲשֹׁב כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ הוּא לְבַדּוֹ הַיּוֹדֵעַ הַטּוֹב וְהַנֵּאוֹת לְכָל אָדָם, וְלֹא יְקַנֵּא אֶת חֲבֵרוֹ, וּכְבָר יָדַעְתָּ שֶׁהַקִּנְאָה מוֹצִיאָה אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם". די גאנצע תורה פירט דעם מענטש צו ׳אמונה׳. אבער וואו איז דער פלאץ וואו די אמונה קומט צום ריכטיגן אויסדרוק אין דער טאפעדיגער לעבן אויף דער וועלט? אין ׳לא תחמוד׳! ווייל בלויז דער גלויביגער איד - גלוסט נישט יענעם׳ס גוטס! ווייל ער איז אזא שטארקער מאמין אז אלעס איז פונעם אויבערשטן, און אז אלץ וואס ער נויטיגט זיך דערין - כדי אויסצופירן זיין אויפגאבע אויף דער וועלט - האט אים דער אויבערשטער זיכער געגעבן. נו, וואס האב איך יענעם מקנא צו זיין?

## אן גאוה און קנאה

וועט איינער פרעגן: אז אשר האט אמונה - דאס זעה איך שוין טאקע. אבער וואו שטעלט זיך ארויס אהרן׳ס אמונה? אויף דעם איז דער ׳בני יששכר׳ מסביר: "וּבְהֶקְדֵּם עוֹד זֹאת יָדוּעַ כִּי הַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין גַּם כֵּן אֶת הָאָדָם וכו׳, וְהוּא כַּאֲשֶׁר יַשְׁפִּיעַ השי״ת טוֹבָה אֶל הָאָדָם, לֹא יְבַקֵּשׁ בָּזֶה תַּאֲוָה וְכָבוֹד וְיָבֹא לְהִתְגָּאוּת עַל חֲבֵרוֹ בְּזֹאת הַטּוֹבָה, רַק אַדְּרַבָּא יִכָּנַע לִפְנֵי בּוֹרְאוֹ וְיַחֲשֹׁב כִּי הוּא מִצַּד הַחֶסֶד מִבּוֹרְאוֹ עָלָיו". פארן מאמין איז שטענדיג גוט, און ער פאלט קיינמאל נישט אריין אין גרוב. ער פארשטייט אז אלעס איז פונעם אויבערשטן, און אז דער אויבערשטער גיבט אים שטענדיג פונקטליך אלץ וואס ער דארף. און דעריבער, ווען ער האט נישט קיין געלט - ווייסט ער אז געלט וואלט אים נישט געהאלפן אנצוקומען וואוהין ער דארף אנקומען. און ווען ער האט יא געלט - ווייסט ער, אז ווי עס זעט אויס, וועט געלט אים יא העלפן. אבער איין זאך איז זיכער: עס קומט מיר נישט! אלץ איז בלויז חסדים פונעם אויבערשטן.

דאס איז בעצם וואס אידן וואונטשן אן זייערע קינדער יעדן פרייטאג צונאכט, און זיי זאגן: דו זאלסט זיין ווי אפרים און מנשה. "וְהִנֵּה יַעֲקֹב אָבִינוּ כַּאֲשֶׁר שָׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה, רָאָה בְּאֶפְרַיִם שֶׁלֹּא נִתְגָּאֶה בְּטוֹבָה רַק אַדְּרַבָּא וכו׳ וְכַנַּ״ל, וְרָאָה בִּמְנַשֶּׁה שֶׁלֹּא נִתְקַנֵּא בְּאֶפְרַיִם, עַל כֵּן בֵּרְכָם ׳בְּךָ יְבָרֵךְ יִשְׂרָאֵל יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם׳ - מִבְּלִי גֵאוּת, ׳וְכִמְנַשֶּׁה׳ - מִבְּלִי קִנְאָה עַל טוֹבַת חֲבֵרוֹ, וְהָבֵן כִּי קָצַרְתִּי". די ׳ברכה׳ איז נישט, אז אונזערע קינדער זאלן אויסוואקסן ווי די הייליגע שבטים - כאטש דאס ליגט שוין אויך אין דער ברכה. נאר די ברכה איז, אז אונזערע קינדער זאלן זיין ריכטיגע ׳מאמינים׳ אינעם אויבערשטן, וועלכע האלטן זיך נישט גרויס מיט זייער הצלחה, און זענען נישט מקנא יענעם׳ס הצלחה - ווי אפרים און מנשה. און אט דאס איז דער סענס פון דער גאנצער תורה.

די ברכה איז, אז אונזערע קינדער זאלן זיין ריכטיגע ׳מאמינים׳ אינעם אויבערשטן, וועלכע האלטן זיך נישט גרויס מיט זייער הצלחה

## צוויי נקודות

די ברכה וואס דיין טאטע האט דיר געגעבן, און וואס דו גיבסט ווייטער פאר דיינע קינדער יעדע וואך איז, אז דו זאלסט גוט איינזאפן די אמונה אינעם אויבערשטן, און דאס זאל זיך אויסדרוקן אינעם לעבן! עס זאל ארויסקומען בפועל! כאפרים וכמנשה.

טאמער וואלטן אהרן און אשר געווען גוים חלילה - וואלט נישט געווען קיין שום שאנס אז זיי זאלן זיך ליב האבן. ווי מען זעט, אז אין דער גוי׳אישער וועלט איז פארהאן זייער א שארפער אפטיילונג צווישן דעם רייכן און ארימען שיכט. דער רייכער גוי בלאזט זיך אויף פאר גאוה איבער דעם ארימאן, און דער ארימאן האט פיינט דעם עושר פון גרויס קנאה. זיי וואוינען אין באזונדערע געגנטער און מאכן זיכער נישט זיך צוזאמצוטרעפן

המשך אין עמוד ב

# די פעסטער גאסן

## וויאזוי קען אונז די פארמעסטונגען פון 'שמירת עינים' צוברענגען א געוואלדיגע שמחה און הערכקייט? • און פארוואס זענען מיר מתפלל נישט אנצוקומען צו קיין נסיון?

**משפיע:** וואס גייט פאר אברהם יצחק? קוקסט אויס ערשעפט, פון וואו קומסטו?

**אברהם יצחק:** גארנישט אויסערגעווענליך, כ'קום פונדערהיים.

**משפיע:** אבער עפעס ביזטו נישט גאר אויפגעלייגט...

**אברהם יצחק:** ס'איז גארנישט. פשוט דאס דורכגיין די גאס קען צומאל אויסמוטשען...

**משפיע:** זיכער מיינסטו די אנשטרענגונג צו היטן די אויגן.

**אברהם יצחק:** יא, ס'איז א גאנצע עבודה... דורכגיין די גאס פון אנהייב ביזן סוף און צו נכשל ווערן פאדערט אן עבודה שלימה. זיך נישט אינטערעסירן אין וואס גייט פאר ארום מיר, נישט בטעות אויפהייבן די אויגן, דא דארף מען אריבערגיין די גאס, דארט באגעגנט מען א חבר, בקיצור: ס'איז א גאנצע עבודה.

> אזא צוגאנג צו שמירת עינים איז אויף איין וועג אן עצה טובה עס אנצוהאלטן, ווייל א זאך וואס מ'האט סיפוק און הנאה דערפון זוכט מען צו מצליח זיין דערין

**משפיע:** ביסט גערעכט, ס'איז אן עסק. און געלויבט השי"ת אז איך האב די זכיה צו זיצן מיט אזעלכע בחורים. אבער לאמיר דיר פרעגן: דו שפירסט זיך גוט מיט דעם? האסט הנאה דערפון?

### וואס האט עס מיט 'אהבה ויראה'?

**אברהם יצחק:** הנאה פון וואס? איך פארשטיי נישט די שאלה... דער משפיע פרעגט אויב כ'האב הנאה פון ארבעטן שווער? מ'טוט וואס מ'דארף און שוין. האב איך דען אן אנדער ברירה? ב"ה אז כ'בין זוכה אפצוהיטן מיינע אויגן, אבער ס'איז שווער, נישטא וואס רעדן...

**משפיע:** הייסט אז דו וואלטסט עס ענדערש נישט געוואלט. הלוואי ווען אלע גאסן וואלטן געווען דרך מהדרין, און דו וואלסט דורכגעמאכט דיין וועג צום ישיבה אן קיין שום פלאץ פארן יצר הרע דיר אריינצוכאפן...

**אברהם יצחק:** טאקע הלוואי. ווען משיח וועט קומען וועט אזוי זיין, אבער ווילאנג מיר זענען אין גלות און דער יצר הרע טאנצט ארום אין די גאסן, דארף מען זיך דערווייל שטארק אנשטרענגען אים איבערצוקומען.

**משפיע:** פון דיינע ווערטער קומט ארויס אז דו ביסט מקיים די גאנצע 'סור מרע' פון שמירת עינים אויף אן אופן פון 'ס'איז נישטא קיין אנדערע ברירה', אלס א בדיעבד, אן שמחה און געשמאק, שוין אפגערעדט נישט מיט אהבה ויראה.

**אברהם יצחק:** אהבה ויראה? וואו קומט עס דא אריין? א מצות עשה דארף מען מקיים זיין מיט אהבה ויראה, מיט התלהבות און שמחה, אבער שמירת עינים און בכלל יעדן סור מרע...? זאל זיך א מענטש פרייען אז אזעלכע שטותים ציען אים? מ'היט די אויגן און שוין!

**משפיע:** איך זעה אז ס'פעלט דיר א יסוד אין דעם ענין, לאמיר עס אויב אזוי קלאר אויסשמועסן.

א מצוה פון 'סור מרע' איז פונקט אזוי רצון ה' ווי אן 'עשה טוב' (און אפשר נאך מער ווי דעם, ווייל אין זוהר הק' שטייט אז א 'מצות עשה' איז שייך צו די אותיות ו"ה פונעם שם הוי', און 'לא תעשה' איז שייך צו די העכערע אותיות פונעם שם, י"ה, אבער לאמיר יעצט נישט רעדן דערוועגן...) א סעקונדע וואס מ'האלט זיך צוריק פון טון אן עבירה שאפט מען אן אומשאצבארע נחת רוח פארן אויבערשטן, און אזא מצוה דארף מקויים ווערן מיט נישט ווייניגער שמחה, אהבה און יראה ווי אכילת מצה און נטילת לולב.

משל זיך אויס ווי איינער מאכט נטילת לולב אויף א שטייגער פון 'ס'איז נישטא קיין אנדערע ברירה', וואס דארף מען טון? שאקלען לולב? אקעי, זאל זיין געשאקלט... ס'האט נישט קיין טעם וריח, ווייל א מצוה דארף געטון ווערן מיט שמחה און גליק אויף דעם וואס מ'איז זוכה צו מאכן א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער, מיט א געוואלדיגע אהבה צו השי"ת אויף דעם וואס ער האט אונז מזכה געווען און דערנענטערט צו מקיים זיין זיינע מצות, און מיט יראה און הכנעה צום אויבערשטן וואס אזא בריה שפלה ווי איך האב די זכיה אויסצופירן דעם רצון ה'. אזוי דארף א מצוה אויסזען, און גענוי די זעלבע דארף א 'לא תעשה' אויסזען.

### זיך פרייען מיט די שוועריקייט

**אברהם יצחק:** זאגסט מיר א נייע דערהער, ס'הערט זיך גוט און ס'לייגט זיך אויפן שכל צו טראכטן פארן ארויסגיין פון הויז אז כ'גיי יעצט מקיים זיין די מצות לא תעשה פון 'ולא תתורו', און זיך דערביי פרייען אויף די זכיה אז כ'קען מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן. מורא'דיג.

אבער וואספארא שייכות האט עס מיט די שוועריקייט וואס כ'האב בשעת'ן עס מקיים זיין? איך פארשטיי אז די עצם מצוה פון 'שמירת עינים' שאפט א גרויסע נחת רוח פאר השי"ת, אבער נאך אלע מעשיות איז עס שווער, דער משפיע דינגט זיך מיטן פאקט אז ס'איז שווער? ס'איז ממש נישט גרינג, וויאזוי קען איך אריינברענגען שמחה אין א שווערקייט?

**משפיע:** נישט נאר וואס איך וועל נישט אפ די שווערקייט, נאר פארקערט, טאקע ווייל איך בין א בשר ודם פונקט ווי דיר, און דווקא ווייל איך ווייס ווי שווער ס'איז, זעה איך פאר וויכטיג דיר צו מסביר זיין אז די עיקר קדושה וואס ווערט נשפע פארן מענטש קומט צוליב דעם וואס ס'איז שווער, און טאקע ווען ס'איז א פארמעסט און מ'האט אלערליי משיכות און מ'איז זיך מתגבר דערויף, דערפאר איז מען זוכה צו א השראת השכינה וואס איז למעלה מדרך הטבע.

דער ענין ווערט ליכטיג ערקלערט אין נועם אלימלך אין אונזער פרשה (ד"ה או יאמר ויחי יעקב): **עִקַּר קַבָּלַת שְׂכָרֵינוּ הוּא, מִצַּד שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ נָתַן בָּנוּ יֵצֶר הָרַע הַמֵּסִית אוֹתָנוּ בְּכָל עֵת וָרֶגַע, וּמִתְגַּבֵּר עָלֵינוּ לְהִתְאַוּוֹת תַּאֲוָה וּלְהַרְהֵר חָלִילָה בַּעֲבֵרָה, וְכָל יֵצֶר מַחְשְׁבוֹתָיו רַק רַע כָּל הַיּוֹם, וְהָאָדָם עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ וּבְתַחְבּוּלוֹת יַעֲשֶׂה מִלְחָמָה נֶגְדּוֹ, לְהִזָּהֵר וּלְהִשָּׁמֵר**

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

איינער מיטן אנדערן. ווידעראום, ביים איד וואוינט מען אין איין געגנט, מען דאוונט אין איין בית המדרש און מען טובל'ט זיך אין איין מקוה ווייל דער איד ווייסט, אז דער אויבערשטער איז דער וואס גיבט פאר איינעם און פארן צווייטן נישט - אלץ פאר זיין בעסטן תכלית.

ווען דער יצר הרע פרובירט אריינצוברענגען אין א איד א געפיל פון קנאה, ענטפערט ער אים ווי א מנשה: "ווייזט אויס, אז פאר אפרים'ס תכלית איז בעסער צו זיין מער מוצלח, און פאר מיר איז בעסער צו זיין ווייניגער מוצלח! דער אויבערשטער ווייסט וואס איך דארף, און אויב ער האט מיר דאס נישט געגעבן - זעט אויס אז איך דארף עס נישט האבן". ווידעראום, ווען דער יצר הרע פרובירט אריינצוברענגען אין אים א 'גאוה', ענטפערט ער אים ווי אן אפרים: "איך בין גארנישט מער חשוב פון מנשה, נאר דער אויבערשטער ווייסט אז פאר מיר איז בעסער צו זיין מער מוצלח פון אים - דערפאר האט מיר דער אויבערשטער געגעבן הצלחות. אבער איך בין פארשעמט אז איך זעה אויס ווי א חשוב'ערער איד - אין דער צייט וואס איך בין נישט!".

בקיצור די צוויי נקודות. ערשטנס: איך גלייב אז אלעס איז פונעם אויבערשטן, און דעריבער איז אלעס גוט. אויב איך האב נישט יענץ - איז עס נישט גוט פאר מיר. און דעריבער, בין איך פריילעך אז איך האב עס נישט! איך זוך זיך נישט קיין איבריגע קאפ ווייטאג. און טאמער האב איך עס יא - האלט איך נישט, אז עס קומט זיך מיר.

דא ליגט אבער א טיפערע נקודה: איך בין נישט דא געקומען פאר 'מיר' - נאר פאר א געוויסע 'אויפגאבע'. איך בין נישט עפעס א זאך פאר זיך, נאר איך בין א 'חלק אלוק ממעל', וואס מיין גאנצער וועזן איז בלויז די ספעציעלע אויפגאבע וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף מיר, צו מגלה זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט. עס קען זיין אז מיין 'ישות' וואלט געוואלט האבן מער געלט, אבער ווייזט אויס, אז פאר מיין אויפגאבע צו מגלה זיין דעם אויבערשטן - מוז איך האב ווייניגער געלט. אדער פארקערט: אלס מיין מציאות אויס, וואלט איך נישט געדארפט האבן אזויפיל געלט, אבער צוליב מיין אויפגאבע - האט מען מיר געגעבן מער געלט.

צום שלוס: ווען א מענטש קוקט אויף זיך מיט א בליק פון א געטליכע אויפגאבע, און נישט מיט א בליק פון פערזענליכע רצונות - ווערט פארשוואונדן זיין גאנצע קנאה, תאוה און גאוה.

מִכָּל דָּבָר רַע מֵחֲנִיפוּת וּשְׁקָרִים וְלֵיצָנוּת וְלָשׁוֹן הָרַע וְתַאֲוֹת וְהִרְהוּרִים וְהַדּוֹמֶה לָהֶם, לָזֶה צָרִיךְ מִלְחָמָה וַעֲבוֹדָה רַבָּה לְשַׁבֵּר כֹּחַ הִתְאַוּוּת הַיֵּצֶר הָרַע, וְזֶהוּ עִנּוּי וְסִגּוּף גָּדוֹל, עַל יְדֵי זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַדְּשׁוֹ וּמְטַהֲרוֹ כְּאִלּוּ עָשָׂה מִצְוָה, כִּי עַל יְדֵי הַמִּצְוֹת אָנוּ מִתְקַדְּשִׁים וּמִתְטַהֲרִים כְּאָמוּר אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו... עַל יְדֵי זֶה שֶׁהַבְּחִירָה לָאָדָם וְהַיֵּצֶר הָרַע מְסִיתוֹ וְהוּא כּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ, עַל יְדֵי זֶה יְקַדְּמֶנּוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּרָכוֹת וְשָׂכָר גָּדוֹל... וְזֶהוּ 'יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם כוּ' פֵּרוּשׁ יֵ"שׁ שָׂכָ"ר לְאָדָם עַל יְדֵי שֶׁהַחֲמוֹר הוּא הַגּוּף הַחֹמֶר הַחוֹמֵד וּמִתְאַוֶּה וְהָאָדָם מְשַׁבֵּר כֹּחַ תַּאֲוָתוֹ הוּא גּוֹרֵם לוֹ לְשָׂכָר הַגָּדוֹל.

ער זאגט אז דאס וואס מ'איז זוכה צו קדושה קומט דווקא א דאנק דעם נסיון און שווערקייט דערפון, און לויט דעם איז זעלבסטפארשטענדליך ווי בשמחה מ'דארף זיין דווקא מיט די שווערקייט!

**אברהם יצחק:** אבער כ'וויל נאר פרעגן איין שאלה: אויב וויל איך נישט אנקומען צו אזא מצב, איך דאוון דאך יעדן טאג "ואל תביאנו לא לידי נסיון", און איך וואונטש זיך נישט צו דארפן אריבערגיין די גאס און אנקומען צו א נסיון, דאן וויאזוי קען איך זיין בשמחה ווען דער נסיון קומט אונטער? כ'וויל דאך אזוי שטארק אנטלויפן און זיך ארויסדרייען דערפון, פלוצלונג דארף איך זיך פרייען דערמיט?

**משפיע:** מיר זענען מתפלל נישט אנצוקומען צו א נסיון ווייל מיר האבן מורא אויב מיר וועלן נכשל ווערן חלילה, און אלס מורא פון די עבירה טוען מיר דאווענען און אויסקוקן נישט אנצוקומען צו א נסיון. מיר זענען אפילו מוותר אויף די מורא'דיגע פארדינסט וואס מיר וואלטן געקענט ארייננכאפן ווען מיר וואלטן זיך געטראפן מיט א נסיון, אבער צוליב אונזער פחד נישט דורכצופאלן טוען מיר אלץ וואס מ'קען זיך נישט אנצוטרעפן דערמיט.

אבער ווען ס'קומט למעשה, ווען דער נסיון פראסקעט אונז אין פנים און מ'איז שוין אין א מצב ווען מ'מוז דורכגיין א גאס וואס ווירבלט מיט אלע מיני מענטשן און נייגעריגקייטן, מוזן מיר סיווי מקיים זיין די מצוה פון 'ולא תתורו', און עס איז ממש א שאד עס נישט צו מקיים זיין מיט שמחה, אהבה און יראה, ווייל מ'דארף דאך ממילא דורכגיין די נסיון, פארוואס זאל מען זיך נישט פרייען דערמיט?

## זיין א כלי פארן אור הנשפע

**אברהם יצחק:** פארוואס איז דאס זיך יא אדער נישט פרייען אזוי קריטיש? אויב בין איך בייגעשטאנען דעם נסיון און שווערקייט און ממשיך געווען א קדושה אויף מיר, וואס מאכט אויס אויב מ'פריידט זיך דערמיט צי נישט? דער עיקר אז מ'איז עס בייגעשטאנען...

**משפיע:** ווייל די קדושה וואס ווערט נשפע נאכן מקיים זיין א מצוה בשמחה איז אומגעהויער גרעסער ווי ווען מ'טוט עס געצוואונגענערהייט און אן שמחה, ווער רעדט נאך ווען מ'לייגט נאך צו אהבה ויראה, איז עס ממש לאין ערוך!

ס'איז באקאנט די מאמר פונעם אלטן רבי'ן זי"ע דער 'שומר אמונים', וואס האט געווילט א תקופה אין די הויפטשטאט פעטס און האט געדארפט גיין א לענגערע וועג צום מקוה צווישן די פעסטער גאסן, אויף וואס ער פלעגט מעיד זיין אז **די קדושה וואס די 'פעסטער גאסן' האבן משפיע געווען אויף אים, דורך זיין שמירת עינים בשעת'ן דורכגיין די גאסן, איז געווען פילפאכיג מער ווי די קדושה פון די מקוה אליינס!**

דאס איז נישט אבי א מימרא ווי דער אלטער רבי האט אונז אנטפלעקט וויפיל די מצוה פון שמירת עינים איז ווערד, נאך ס'קומט אונז אויסלערנען אז די קדושה וואס קומט דורך די מצוה קומט נישט פון 'היסח הדעת', ס'קומט נישט ווען מ'איז נישט באווילגט דערצו, ווייל אזא טייערע, געהויבענע מצוה מוז זיין באגלייט מיט שמחת הלב, און טאקע דערפאר האט ער פארשטאנען אז מ'דארף אונז אנטפלעקן וואספארא וואונדערליכע מתנה מיר האבן ווען מיר זענען זוכה בייצוקומען די תאוות הגוף, און אז דורכדעם זענען מיר ממשיך השראת השכינה אויף זיך און אויף די גאנצע וועלט.

**אברהם יצחק:** יעצט טראכט איך אז אויב האט מען אזא צוגאנג צו שמירת עינים, איז עס אויף איין וועג אן עצה טובה עס אנצוהאלטן, ווייל א זאך וואס מ'האט סיפוק און הנאה דערפון זוכט מען צו מצליח זיין דערין, אבער ווען מ'גייט צו מיט א כבידות און ערשעפטקייט, קען מען צומאל אויפגעבן און נאכלאזן.

**משפיע:** פונקט אזוי. האסט מכוון געווען צו די ווערטער פונעם הייליגן קארלינער זי"ע וואס האט געזאגט, אז די סיבה פארוואס יונגעלייט און בחורים האבן נישט די ריכטיגע עליה, קומט צוליב דעם וואס זיי לאזן זיך נישט ארויס אין א טאנץ 'ארוממך' נאכן מצליח זיין אנצוקומען אין בית המדרש אן נכשל ווערן... ווייל טאקע דווקא דורך שמחה איז מען מצליח זיך צו הייבן העכער און העכער.

**אברהם יצחק:** שוין, יעצט האב איך זיך שוין בארואיגט פונעם שווערן וועג, און איך האף אז כ'וועל געדענקען דעם וויכטיגן כלל: זיך פרייען מיט יעדן מצוה פון 'סור מרע' און 'עשה טוב'.

**משפיע:** מיט גרויס הצלחה!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**דער תיקון הגוף בכלות, איז דורך 'אמונה פשוטה' 'התקשרות און אהבה צום צדיק' און 'אהבת חברים'**

רבינו הזקן זי"ע (טהרת הקודש, מאמר תשובה המשקל)

# דאס חסיד'ישע לעבן

## נאך קיינמאל תפילין געלייגט...

פייוול קלעטערט ארויס פון די שטיבל אין שטעטל סאסנאווצא, זיין הוט פאררוקט, זיינע פיאות צעווארפן ווי נאך פון מקווה ארויס, קוים וואס ער געדענקט אז ער האט עפעס צוזאמגעמורמלט ביים דאווענען, זיין רעכטע האנט האלט אונטער זיין האלב-פארמאכטע טלית-בייטל, זיין לינקע האנט נעמט ארום א ציגארעטל. די רויעך געבט אים אן עטוואס אנגענעמע געפיל, מעגליך צוליב זיין האפענונג אז זיין פארוואלקנטע מח וועט זיך אויסקלארן, אזויווי די רויעך וואס צעגייט מיט די ווינט...

אבער ניין. די רויעך ווערט צובלאזן, ווען פייוול ווערט נאך מער צוטראגן.

"די עס.עס. נאציס האבן אומגעברענגט הונדערט מענער, ווייבער און קינדער!", קייקלט זיך אין זיין מח די שרעקליכע שמועה וואס ער האט זיך פריער דערוואוסט. "רבונו של עולם! פארוואס?", הערט זיך נישט פייוול אויף וואונדערן. ער דרייט זיך ארום צעטומלט, זיינע געדאנקען עסן אים אויף.

פייוול איז א תמימות'דיגער איד, ער וואוינט אין אונגארן און פירט זיך ערליך און פשוט, אבער די לעצטיגע נייעס וואס ער הערט זיך טאג-טעגליך אן זייט די נאציס האבן אינוואדירט אונגארן, פארצווייפלען זיינע מחשבות.

פלוצלונג באמערקט פייוול א געזעמל אידן ביים אנדערן עק גאס. ער לויפט צו, לאו דווקא ווייל נאך א נייעסל ברענט אים, נאר דער עיקר אביסל צו פארגעסן זיינע טונקעלע געדאנקען.

דער עולם שטייט דארט מיט יראת הכבוד. פייוול גייט צו צו איינעם און פרעגט אים פשט. "דער אלטער צדיק פון אושפיצין, דעם איידעם פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע, איז היינט אנגעקומען קיין סאסוואנצא. ער איז יעצט ארויף צום הויז פון הרב גליקמאן, זיינס א חסיד", רוימט אים יענער צוריק.

פייוול גראדט זיך אויס. "טאקע? אין דעם בנין?".

א ווילדע געדאנק בליצט אים אריין. "כ'וויל יעצט רעדן מיטן צדיק! אבער שוין!".

פייוולווארפט אראפ זיין ציגארעטל און נעמט זיך דורכ'שטופן א וועג צווישן די מענטשליכע בלאקאדע, זיך באנוצנדיג מיט זיינע ברייט-ביינערדיגע ארעמס. געוועגליך וואלט ער זיך נישט אזוי געפירט, אבער אין אזעלכע שוידערליכע צייטן, דרייט אים איין מחשבה אין קאפ.

ביז נישט לאנג טרעפט זיך פייוול אין ווארט-צימער.

הרה"ק רבי אלעזר פון אושפיצין זי"ע האלט שוין ביי זיינע עלטערע יארן. פייוול באמערקט די קליינע רעדעלעך באהאפטן צו די פיס פונעם רבינ'ס שטוהל, הייסט אז דער רבי קען מער נישט גיין אויף די אייגענע כוחות.

דער צדיק איז פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, זיין לילקע-ציבעך פארשטעקט צווישן זיינע ליפן.

"הייליגער רבי!", צושטערט פייוול דעם רבינ'ס געדאנקען.

"יא מיין קינד?", ענטפערט אים דער צדיק ליבליך.

"ילמדנו רבינו! וואס וויל דער אויבערשטער פון אונז?! וואס איז פשט פון די לעצטיגע שרעקליכע צרות?! מיר טוען דאך אן תפילין יעדן טעג און דאווענען דריי מאל א טאג, מיר עסן כשר און האלטן שבת, פארוואס קומט אונז אזעלכע צרות?", זעצט פייוול פאר זיינע 'מליצות טובות' אויף כלל ישראל, ווען מיטאמאל ווערט דעם צדיק'ס געזיכט רויט.

דער צדיק רייסט זיך ארויס פון זיין וויל-טשער, לויפט שנעל צו צום ערשטוינטן פייוול, און הייבט אים אן שמייסן מיט זיין לילקע.

**"נמרוד איינער! האסט זיך קשיות אויפן כביכול! נמרוד, גיי בוי דיר א מִגְדָּל!".**

פייוול אן צופיל שכל הייבט פיס און אנטלויפט, דער צדיק יאגט אים נאך, שרייענדיג:

"נמרוד! ער האט קשיות אויפן אויבערשטן! בוי א לייטער!".

ענדליך פאלט דער צדיק צוזאם ערשעפט אויפן ערד. הרב גליקמאן איילט זיך אריין אין צימער, גייט צו צום צדיק מיט א ציטער כדי אים אויפצוהייבן.

"האסט געזען א טיפש?", פייערט דער צדיק אין זיין ריכטונג, **"איך קוק אריין אין ספר 'אור המאיר', זעה איך אז כ'האב נאך קיין איינמאל תפילין נישט געלייגט ווי ס'דארף צו זיין, און ער זאגט אז מ'לייגט תפילין...".**

אוי איז דאס געווען א מוסר השכל! דווקא דער צדיק האט געשפירט אז ער האט נאך גארנישט געטון, בשעת דער דארפסמאן שפירט אז דער אויבערשטער קומט אים רעשט...

מקור: שיח זקנים (בשם הרה"ח ר' יוסף גליקמאן, דער זון פון דער בעל אכסניא וואס איז געווען בשעת מעשה)


**חלק מהוצאות הגליון**
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד הרה"ח
רבי **משה קליין** שליט"א מאנסי
**לרגל שמחתו בהולדת בתו למז"ט**
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה
ממנה רוב נחת

**הפצת הגליון בק"ק וויען**
**נתנדב ע"י**

**ההפצה בעי"ת וויליאמסבורג**
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד הרוצה
בעילום שמו שליט"א
**לזיכוי הרבים**
**לרגל ימי השובבי"ם הבעל"ט**

# ס'צוגייט מיר די התעוררות ביי שמו"ע

## וואס איז די עבודה פון שמונה עשרה? די זעלבע פונעם גאנצן דאווענען?

### שאלה:

ס'איז דא עפעס וואס שטערט מיר שוין אסאך יאר, דאס איז, אז כאטש איך דאווען דאס גאנצע דאווענען מיט די ריכטיגע כוונה, חיות און התלהבות, אבער ווען איך קום אן צו תפילת 'שמונה עשרה' ווערט די גאנצע פייער איינגעשטילט, אזוי אז איך דאווען עס אפ כמצוות אנשים מלומדה.

מיין שאלה איז, וויאזוי קען איך אריינציען די התעוררות אויך אין שמונה עשרה? כ'האב שוין פרובירט אזויפיל זאכן אבער ס'איז מיר גארנישט געלונגען.

### תשובה:

## דאס גאנצע דאווענען איז א הקדמה צו שמונה עשרה

קודם כל, כדי אויסצושארפן די שאלה דארף מען איבערגיין פשוט'ע זאכן, נעמליך אז די עיקר תפילה וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מייסד געווען איז טאקע 'שמונה עשרה', און דאס גאנצע איבריגע דאווענען איז בלויז א הקדמה דערצו. ריכטיג אז ביי חסידים האט מען צוגעלייגט כוונה און התלהבות אויך ביי אלע אנדערע טיילן פון דאווענען, ביי ברכות קריאת שמע, פסוקי דזמרה און קרבנות, אבער דאס איז נישט אלס ערזאץ פון שמונה עשרה, נאר כדי צו צולייגן צום שמונה עשרה. אדרבה, צדיקים זי"ע (עיין 'מאור ושמש', 'תפארת שלמה' און נאך) האבן זיך שטארק מתרעם געווען אויף מאנכע וואס ווי נאר זיי קומען אן צו שמונה עשרה געבן זיי עס א כאפ אפ.

אייגנטליך איז עס א פשוט'ע חשבון, ווייל תפילת שמונה עשרה געהערט צום חלק פון 'עולם האצילות', אויב אזוי קען נישט זיין אז ווען מ'קומט ענדליך אן צו די סאמע העכסטע עולם, זאל מען דווקא דארט כאפן א ירידה, ח"ו. ס'איז אוממעגליך.

אבער דיין פראגע איז זייער ריכטיג, און רבים וטובים מוטשען זיך דערמיט, אבער דער שורש דערפון נעמט זיך פון א טעות ביי מענטשן אז די עבודת התפילה פון שמונה עשרה פארט אויפן זעלבן גאנג ווי די עבודה פון דאס איבריגע דאווענען, און וויבאלד אין אמת'ן איז עס נישט אזוי, פעלט די נויטיגע התעוררות ביי שמונה עשרה.

**צוליב דעם דארפן מיר מקדים זיין און אויסקלארן: וואס איז די עבודת התפילה ביז שמונה עשרה, און וואס איז די עבודת התפילה בשעת שמונה עשרה.**

## ביי שמו"ע איז מען שוין אנגעקומען צום ציל

די כלליות'דיגע הגדרה פון 'עבודת התפילה' איז באקאנט פאר יעדן קינד וואס איז ערצויגן געווארן אין א חסיד'יש היים, דאס איז: זיך שטעלן פארן אויבערשטן, דאס הייסט 'דביקות', אזויווי דעם אלעמען-באקאנטן מימרא פון צדיקים, אז 'תפילה' איז פון לשון 'נפתולי אלקים נפתלתי' - א לשון פון דביקות (רבי חיים בריסקער פסק'נט אז די הלכה אז אויב מ'האט נישט אינזין געהאט ביי שמונה עשרה דארף מען איבערדאווענען, מיינט אויך ווען מ'האט נישט אינזין אז מ'איז 'עומד לפני המלך', ערקלערנדיג אז אן דעם איז דער מענטש ווי א 'מתעסק' און דאס הייסט נישט געדאווענט).

נאר די דביקות פון 'עמידה לפני המלך' איז דווקא בשעת שמונה עשרה. אויב אזוי, וואס טוט מען ביז שמונה עשרה? איז אזוי, חז"ל זענען אונז מגדיר אז די שירות ותשבחות וואס מ'זאגט איידער שמונה עשרה איז ווי א 'דופק בשער המלך', דאס הייסט, דעמאלטס בעט מען אויף די דביקות.

אין אנדערע ווערטער, די הגדרה פון די עבודה פון פאר שמונה עשרה איז היבש פשוט: **ביז שמונה עשרה טוט מען גלוסטן און אויסקוקן זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן, ביי שמונה עשרה איז מען שוין נאנט און איינס מיט אים.** ביז שמונה עשרה שטייט מען נאך אינדרויסן, אבער מ'לעכצעט אריינצוקומען, מ'קוקט אויס דערפאר. בשעת שמונה עשרה געפינט מען זיך שוין אינעווייניג.

## דווקא ביי שמו"ע קען מען שוין זאגן 'ברוך אתה'

**אט די יסודות'דיגע הגדרה, טוט צווישנשיידן די עבודה פון פאר שמונה עשרה מיט שמונה עשרה זעלבסט.**

ווייל ווען א מענטש פרובירט זיך צו דערנענטערן, ער ערוועקט ביי זיך די מעלות און גרויסקייט פונעם מלך, ער ערוועקט ביי זיך די גדלות פון זיין נשמה, ער ערוועקט די קשר און ליבשאפט וואס דער מלך האט צו אים, און אזוי איז ער מעורר זיינע כיסופים און אהבה. דאס אלץ טוען מיר דורכאויס פסוקי דזמרה, ברכות יוצר או"וו.

אבער ווען א מענטש איז שוין נאנט, איז מער נישט די צייט צו מעורר זיין די כיסופים, ווייל ער איז שוין אנגעקומען צום ציל צו וואס ער האט געוואלט אנקומען. דער פסוק "קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת" איז דווקא געזאגט געווארן אויף די זמן פון שמונה עשרה. ס'איז א צייט ווען א מענטש שפירט זיך פולשטענדיג פאראייניגט מיטן אויבערשטן, ער האט נישט קיין שום אנדערע זאך אין די וועלט אויסער אים, ווייל 'אין עוד מלבדו'.

דערפאר זאגט מען נישט ביי שמונה עשרה אזעלכע פסוקים וואס געבן זיך אפ מיט גדלות ה' און די קשר וואס השי"ת האט מיט אונז אזויווי ביי פסוקי דזמרה, ווייל ווען מ'שטייט אינעווייניג פעלט מער נישט אויס צו מעורר זיין דעם קשר, דער קשר שטייט לעבעדיג פאר אונזערע אויגן! במשך תפילת שמונה עשרה זאגן מיר איבער איינמאל און נאכאמאל: "ברוך אתה" - אין א לשון 'נוכח', דאס הייסט אז מיר זעען דעם אויבערשטן פאר אונזערע אויגן, ער איז חי וקיים, אן אמת'ער, לעבעדיגער באשעפער, פנים בפנים! זיין אמת'ע מציאות שפירט זיך פאר אונז אזוי קלאר און אויף א מציאות'דיגע אופן, כאטש מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה אין אים (אינעם קומענדיגן גליון וועט מען זיך אפגעבן מיט דעם שוועריקייט, בעז"ה).

אזעלכע מחשבות דארפן אנפילן דעם מענטשנ'ס געדאנק בשעת שמונה עשרה: אמיתת מציאות ה', דעם אויבערשטנ'ס ווירקליכע מציאות אויף א לעבעדיגע אופן. פארשטייט זיך אז דאס קומט נאר דורך א ריינע אמונה פשוטה, ווייל ס'איז אוממעגליך צו באגרייפן דעם אויבערשטן.

אזוי אויך ביי אלע ברכות ברענגען מיר ארויס מציאות ה', ווייל מיר זאגן "ברוך אתה" מיט א לשון 'נוכח', און דערביי טוען מיר איינזען און דערהערן אז אלץ קומט פון אים, אלץ ווערט אויפגעפאסט און נשפע דורך אים, דאס מיינט אז אלץ קומט פון זיין מציאות, און אלץ דריקט אויס זיין מציאות. אמיתת מציאות ה' שרייט זיך ארויס פון יעדן ווינקל, ס'שרייט 'אין עוד מלבדו'.

[מ'דארף אנמערקן, אז עס איז פארהאן אסאך א טיפערע בחינה אין שמונה עשרה, אז א מענטש שפירט אז השי"ת איז אלעס און ס'איז נישטא גארנישט אויסער אים אויף אסאך מער א באדייטנדע אופן, אזוי ווייט אז דער מענטש שפירט זיך בכלל נישט קיין מציאות, נאר ער איז אינגאנצן נכלל אינעם אויבערשטנ'ס מציאות. אבער מיר האבן דא אויסגעוועלט צו רעדן איבער מער א צוגענגליכע מהלך].

## שמונה עשרה - דביקות

דער אויבנדערמאנטער חילוק, טוט זיך אויך אויסדריקן אין די געפילן, די תנועות הנפש וואס מ'האט דורכאויס דאס דאווענען.

די צורה וויאזוי מ'דארף דאווענען ביז שמונה עשרה, איז מיט א געפיל פון התרגשות, מיט התפעלות, מיט מידות - אהבה ויראה, אויפן קול, מיטן א לידל, זיך שאקלען און מיט א שטורעם. דאס אלץ נעמט פון דעם וואס דער מענטש זוכט צו ערוועקן זיין תשוקה און ליבשאפט, ער איז מעורר זיינע כיסופים און רצון אריינצוגיין בהיכל המלך.

אבער אין קאנטראסט האבן מיר שמונה עשרה, ווען מ'דאווענט נישט ברעש ובהתרגשות, נאר אויף א פנימיות'דיגן אופן. דער זוהר הק' טוט שארף אנווארענען אז מ'זאל נישט ארויסהערן סיי וואספארא קול בשעת שמונה עשרה, און די הארבקייט נעמט זיך ווייל שמונה עשרה איז ווי א תפילה במחשבה. ס'איז א תנועה אין נפש פון א לעבעדיגע, טאפעדיגע אמונה פשוטה. ס'איז א תפילה וואס ווערט געבעטן רואיג און געלאסן, און ווי געזאגט, ווייל ביי שמונה עשרה האט מען שוין דערגרייכט דעם ציל. מיר געפינען זיך שוין בהיכל המלך.

**מ'דארף וויסן באופן כללי, אז דאס איז די חילוק צווישן אהבה און דביקות.** צומאל קען מען טועה זיין מיטן מיינען אז דיביידע זענען איינס, אבער דאס איז נישט ריכטיג. **אהבה איז א רגש אין הארץ, ס'איז נישט דביקות, נאר ס'איז א רצון צו דביקות.** ס'קומט מיט א תשוקה און קאך. אבער **דביקות זעלבסט קומט נישט מיט קיין קאך און כיסופים, נאר מיט א געפיל פון סיפוק און תענוג, ווייל מ'איז שוין אנגעקומען צום ציל, ער האט דעם אויבערשטן מיט זיך.** דערפאר קומט עס מיט א רואיגקייט און מנוחה.

ביז אהער איז אויסגעקלארט געווארן די פשוט'ע שוועריקייט פון שמונה עשרה, וואס שטאמט קודם כל פון א געוויסע חסרון ידיעה. ווייל מ'דארף פשוט וויסן אז שמונה עשרה באשטייט פון אן אנדערע ענין, און מ'קען נישט עוסק זיין מיט די עבודה פון פסוקי דזמרה בשעת שמונה עשרה, ווייל יעצט איז נישט די צייט דערפאר.

אבער אין אמת'ן דארף מען וויסן אז די עבודה פון שמונה עשרה איז אסאך שווערער. ווייל דער אמת איז, אז פאר שמונה עשרה ווען די נושא איז איבער כיסופים און תשוקות ווען מ'שטייט נאך אינדרויסן פון היכל המלך, מ'איז נאך אין די עולמות פון בריאה, יצירה און עשיה - איז באמת אסאך גרינגער צו עוסק זיין אין עבודת התפילה. אבער ווען מ'רעדט פון שמונה עשרה, וואס איז אסאך א העכערע עולם, און ס'איז אין פיל מער א פנימיות'דיגע מקום, דעמאלטס גייט מען אריין בהיכל המלך - קומט נישט די עבודה אן אזוי לייכט.

**אינעם קומענדיגן גליון וועלן מיר זיך באציען בעז"ה, צו צוויי הויפט שוועריקייטן וואס קענען זיין א שטער פאר א מענטשנ'ס עבודה ביי שמונה עשרה.**


אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483